**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

**יואל רוטה**
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת ויחי, י"א טבת, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

נעכטן האב איך געהאט א משפחה חתונה, איך האב געהאט נחת צו זען ווי די בחורים פון ישיבה גייען נאך געלט. עס האט מיך ממש פרייליך געמאכט צו זען תלמידי היכל הקודש זענען עוסק אין די גרויסע מצוה פון גיין נאך געלט, הלואי וואלסטו אויך עוסק געווען אין גיין נאך געלט. מאך זיך א צייט איינמאל א וואך אדער איינמאל אין צוויי וואכן וואס דו וועסט עוסק זיין אין גיין נאך געלט, און ברענג די געלט פאר די מוסד. מיר פלאגן זיך זייער; ווי עס זעט אויס וועלן מיר נישט קענען צאלן די וואך די איינגעשטעלטע, די קאסע איז אין א לאך.

עס האט נישט קיין פשט די אלע וואס מאכן טייערע שמחות, ענדערש זאלסטו נעמען די געלט וואס דו ווילסט אויסגעבן פאר די שמחה און טון צדקה מיט דעם. אז דו מאכסט בר מצוה זאלסטו פרעגן דיין זון: "וואו זאלן מיר געבן די געלט וואס מיר וואלטן ווען אויסגעגעבן פאר א זאל, פאר א שפילער, פאר א וועיטער וכו'? וואו זאלן מיר געבן די געלט לכבוד דיין בר מצוה - אז דו זאלסט אויסוואקסן א צדיק?

אז דו מאכסט חתונה זאלסטו זיך אראפזעצן מיט דיין מחותן און ביידע אינאיינעם זאלט איר פרעגן די חתן כלה, וואס פאר א צדקה זאלן מיר טון מיט

די געלט וואס מיר וואלטן וועלן אויסגעגעבן, זאלן מיר אויסצאלן די מלמדים די וואך פון די חתונה?

עס קאסט אונז כהיום דרייסיג טויזנט דאלער א וואך צו צאלן אלע איינגעשטעלטע, ביז דערווייל האבן מיר איין גרויסע שיסל פאר די מלמדים פון אלע תלמוד תורה׳ס: וויליאמסבורג, מאנרא, שטעטל, טברי׳ און ירושלים.

אדער א וואך פאר אונזער כולל? כהיום דארפן מיר א וואך פינף טויזנט דאלער פאר די טייערע אינגעלייט.

אדער אזוי ווי מען טוט אין חב״ד; זייערע רביים האבן איינגעפירט אז דער בר מצוה בחור און חתן דרוקט א ספר לכבוד די שמחה. אפשר נעם די געלט פון דיין שמחה צו דרוקן ספרים וואס זענען מגלה דעם אייבערשטן און ווייזן א וועג צו לעבן.

פארוואס אויסגעבן געלט פאר א וואך נאכט? מען איז מפרסם אין די בלעטער אז מען קען האבן א וואך נאכט פאר בלויז ניינצן הונדערט דאלער; גיוואלד און געשריגן, ניינצן הונדערט דאלער קען מען צאלן צוויי מלמדים פאר א וואך, פארוואס זאל מען אויסגעבן געלט פאר אפאר שעה פאר גארנישט און פאר נישט? פארוואס מאכן טייערע שמחות? העלף מיט דיין געלט אידישע קינדער.

היינט האבן מיר געטאנצן אין ישיבה מיט די בחורים וואס האבן שוין מסיים געווען ספר בראשית. די בחורים האבן געטאנצן מיט א שטארקע שמחה: ״חזק, חזק ונתחזק!״ מיר האבן געדאנקט דעם אייבערשטן פאר די גרויסע חסד אז מיר זענען מקורב צום רבי׳ן, מיר זענען אין חדר היכל הקודש, דאס איז דאך די גרעסטע מופת; נעמען א מענטש וואס איז ווייט פון לערנען - און אים מאכן לערנען יעדן טאג חומש מיט תרגום.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יואל רוטה